# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון
שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פרשיות **קדושים - אמור** תשפ"ב ◆ עלון מס': **88**

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### די גזירה איז אמת - די זרירות איז פאלש

עס איז דא א גרויסער נפקא מינה צווישן אונזער צוגאנג צו א מצוה און דער צוגאנג צו וועלטליכע זאכן.

דער צוגאנג פון א איד צו וועלטליכע זאכן וועט אייביג זיין א פראקטישער צוגאנג. דער איד ווייסט אז אזוי לאנג ווי ער לעבט אויף די וועלט מוז ער עוסק זיין אין עניני העולם פאר זיין עקזיסטענץ, אבער ווען ער איז עוסק אין א מצוה ווייסט ער אז דער עצם באשעפטיגונג אין די מצוה איז א גוטער זאך, ווייל השי"ת האט אים באפוילן ער זאל עוסק זיין אין דער זאך.

מהאי טעמא איז אנגעגרייט פאר א איד ביי א מצוה א דאפלעטער שכר. ביי א מצוה באקומט ער שכר סיי פאר די בחירה, און אויב די פעולה של מצוה ארבעט זיך אויס באקומט ער אויך שכר אויף די מצוה.

ווען א איד וועט זיך מטריח זיין און ארומגיין אין די גאסן צו זוכן אן אתרוג באקומט ער שכר פאר די בחירה, פאר די טירחא און אויב עס ארבעט זיך אויס וועט ער פארדינען שכר אויך פאר'ן אתרוג, אבער די תוצאה ליגט נישט אין זיינע הענט.

אויב די אתרוג וועט ווערן פסול וועט ער נאר באקומען צוויי מאל שכר, אויב עס וועט בלייבן כשר באקומט ער דריי מאל שכר.

ביי א מצוה טוט ער אייביג גוט. די בחירה ליגט אין אונזערע הענט אבער די תוצאה איז נישט אין אונזערע הענט. מיר קענען מתפלל זיין אז עס זאל מצליח זיין און האפן אז עס וועט זיך אויסלאזן גוט, מער ווי דעם קענען מיר גארנישט טון; דאגעגן ווען א איד איז עוסק אין עניני גשמיות הייבט ער שוין אן בעטן השי"ת אויף דער עצם בחירה, ווייל עס איז פארהוילן פון אים וועלכע פעולה וועט ברענגען די הצלחה און וועלכע נישט.

אין פרק רביעי' געבט דער רבי אין חובת הלבבות הדרכה אין די נושא. ער זאגט אז מען זעט זייער אפט אז ביים מענטש האט דער איסוואל אויסגעזען אומריכטיג און לבסוף שטעלט זיך אויס אז ממש פון דעם קומט ארויס די הצלחה, און אויך פארקערט, אסאך מאל זעט אויס פאר'ן מענטש אויף איין געוויסע פעולה אז דאס גייט ברענגען א גרויסע הצלחה אבער ענדע שטעלט זיך ארויס אז עס ברענגט די פארקערטע.

ביי די וועלט'ס קריג האט זיך די נקודה דערקענט זייער אסאך מאל. פאר אידן האט אויסגעזען אז אויב זיי וועלן לויפן דא אדער דארט וועלן זיי זיך קענען ראטעווען אבער זיי האבן נישט געקענט אהינלויפן און ענדע האט זיך ארויסגעשטעלט אז טאקע דער 'נישט' קענען איז געווען זייער ישועה.

דער הייליגער רמב"ן זאגט שוין [בראשית לז. טו] כי הגזירה אמת והחריצות שקר ווייל נאר דער עצת השם היא תקום און נאר וואס עס איז נגזר געווארן מלמעלה דאס וועט זיין למעשה און די זריזות און די חריצות וועט נישט העלפן ווייל אלעס איז שוין באשטימט מלמעלה.

מיר דארפן מאכן די בחירה לויט ווי עס קומט אונז אויס אבער מיר דארפן געדענקען אז די תוצאה ליגט אין זיינע הענט אבער ביי קיום המצוה איז קלאר וואס איז גוט און וואס נישט און מיר וועלן באקומען באצאלט פאר די בחירה סיי אויב עס ארבעט זיך אויס און סיי אויב עס ווערט גארנישט דערפון למעשה.

זאל השי"ת געבן אז מיר זאלן קענען מרבה זיין מיט מצוות און מעשים טובים, אמן סלה.

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### א קרעין וואס הייבט אויף זייער הויעך

די פאלגענדע געשיכטע מיט ר' יצחק וואס איך גיי דא שילדערן האט מיר גערירט ביז טרערן און איך וויל עס מיטטיילן מיט ענק דא.

דערציילט ר' יצחק:

נאך לאנגע הכנות פון ווארטן און ווארטן האבן מיר ענדליך דערהאלטן די שליסלעך פאר אונזער נייע דירה אין די נורדאו גאס נומער 19 אין די געגענט פון פרדס כץ. די שליסלען האבן מיר דערהאלטן ממש פאר פסח, אזוי אז לכבוד פסח זאלן מיר זיך קענען באנייען און זיין בני חורין אין די אייגענע דירה.

די שמחה איז געווען אומבאשרייבליך. גלייך נאכ'ן באקומען די שליסלעך זענען מיר אריין אין די דירה און זיך אומגעקוקט אויף איר. אלעס איז געווען שפאגלדיג נײ.

אבער נאר כמעט אלעס....

אין דער קאך האט געפעלט איין קריטישע זאך, דער מארבעל שטיין העכער די שאפעס, וואו מען גרייט צו די עסנווארג, איז נישט געווען דארט.

די ראלע פון דער מארבעל שטיין איז פילפאכיג מער ווי צו געבן פאר'ן קאך א שיינקייט. אן די מארבעל שטיינער וועלכער זאלן באדעקן די שאפעס איז דער קאך נישט קיין קאך. מען קען נישט רייבן קיין גרינצייג, שיילן קארטאפל, די ווירטשאפט איז פעלעריג.

און אויב א גאנץ יאר קען מען זיך נישט באגיין אן קיין מארבעל שטיין פאר'ן קאך איז זיכער אז ווען עס קומט פסח דארף מען אים נאכמער און נאכ'ן איינזען אז עס איז נישט דא, האב איך אנגעהויבן פאראורבעטן מעשים אז מיר זאלן עס קענען האבן אויף יום טוב.

ביני לביני איז נתברר געווארן אז דער שכן האט אויך נישט קיין מארבעל שטיינער אין זיין קאך און מיר האבן זיך פאראייניגט אין אונזער זוכעריי צו טרעפן פאסיגע מארבעל שטיינער אויף יום טוב.

נאך א לענגערע זוכעריי זענען מיר אנגעקומען צו א פאבריק וואס איז גרייט צו נעמען אויף זיך די ארבעט בתנאי אז מיר זאלן צולייגן עקסטערע געלטער פאר די ארבעט. קיין צווייטע ברירה איז נישט געווען, מיר האבן צוגעלייגט די געלטער און עס איז באשטימט געווארן א טאג פאר'ן דעליווערי.

"וועלכער שטאק וואוינט איר"? האט דער פאבריקאנט געוואלט וויסן.

הערנדיג אז מיר וואוינען אויפ'ן פערטן שטאק האט ער צוגעלייגט אז אזוי ווי עס איז א שווערע זאך קען מען עס נאר ברענגען מיט א קרעין און א קרעין קאסט נאך געלט....

מיר האבן אנגעגרייט נאך געלט און זיך געגרייט אויפ'ן גרויסן טאג. דער קרעין מיט די מארבעל שטיין האט געהאנגען אין די לופטן גייענדיג אין ריכטונג פון מיין דירה, אבער פון הימל האט מען אנדערש געוואלט.

זייטיגע שטערונגען האבן צוגעברענגט אז דער קרעין האט נישט געקענט אנקומען צו מיר אין שטוב און עס איז צוריק אנגעקומען אין פאבריק ווען מיר פארבלייבן אויף פסח אן א קאך און מיט לאך פון א שיינע פאר הונדערט שקל.

ר' יצחק דערציילט זיין געשיכטע מיט א געשמאק און כ'ווארט צו הערן דער אויספיר ווי שווער עס איז געווען און ווי ער באקלאגט זיך אויף זיין שווערע איבערלעבעניש, אבער אנשטאט דעם דערציילט ער מיר א צווייטער סארט המשך.

אין די חול המועד טעג האב איך זיך מתבונן געווען אין די געשעעניש וואס עס האט מיר פאסירט. מיר ווייסן און גלייבן אז אלעס וואס השי"ת טוט איז לטובה, עס מוז זיין אז עס ליגט דא עפעס טיפער. איך האב זיך געמאכט א שטיקל חשבון הנפש און כ'האב געטראפן א נקודה וואס איך האב פריער נישט גענומען אין באטראכט. פאר יארן לאנג האב איך א סדר אז איך געב זיך נישט אפ מיט קיין שום גשמיות'דיגע זאך פאר איך ענדיג מיין ערשטע סדר אין כולל, אבער דא, צוליב די דרוק, האב איך זיך מקיל געווען און געענוי דאס האט מיר השי"ת געוואלט ווייזן, ער האט מיר געוואלט ווייזן ווי חשוב עס איז ביי אים מיין קבלה, מיין לערנען, דער רבוש"ע האט גערעדט צו מיר, ער האט מיר געזאגט, ווי וויכטיג עס איז ביי אים מיין לימוד.

ווען כ'האב דאס פארשטאנען בין איך געווארן אויסערזיך פון שמחה, די געפיל אז השי"ת ווייזט מיר ווי וויכטיג איך בין ביי אים, אז עס גייט אים אן פון מיין סדר, האט מיר דערהויבן.

אשאד אז איך קען ענק נישט געבן צו הערן וויאזוי ר' יצחק דערציילט זיין געשיכטע, מיט אזא שמחה, מיט אזא חן, אז עס באנעמט די נשמה, וויאזוי א איד קען טראכטן אין אזא וועג.

זאל מען זוכה זיין צו א לעכטיגער און א געזונטער זומער.

א גוט שבת, **פינחס שפר**

**השגחה פרטית האטליין**
אידיש. העברעאיש. ענגליש.

שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:

פון ארץ ישראל 02-30-11-300 • פון אמעריקע 151-86-130-140 • פון ענגלאנד 0-330-3900-489 • פון בעלגיע 0-380-844-28

פון דרום אפריקע 87-551-8521 • פון ארגענטינע 3988-4031 • פון אוקריינע 380-947-100-633

• פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניז

# ניסיך שבכל יום

**וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין**

## א מעשה אין א גוטער צייט

די מעשה וואס כ'גיי דא שילדערן האט זיך אפגעשפילט מיט צוויי יאר צוריק.

דוכט זיך אז דער פסח פון תש"פ וועט מען געדענקען אויף אייביג, עס איז געווען א פסח אונטער די קאראנא אומשטענדן, די וועלט איז געווען איינגעשפארט אין א לאקדאון סיטואציע און איך אויך.

איך וואוין אין מאנטשעסטער און שטייענדיג אין אזא צייט ווען די מוסדות'ער זענען געווען פארשלאסן און פארריגלט האב איך נישט געקענט צוקוקן ווי מיינע קינדער גייען ארום ליידיג און כ'האב באשלאסן אז מ'מוז עפעס טון.

איך האב געגרינדעט א קליינער "חדר" פאר מיינע קינדער, מען האט געדאווענט מיט זיי, מען האט געלערנט מיט זיי און טאג טעגליך האב איך זיי דערציילט מעשיות פון אמונה און בטחון.

עס איז געווען די נאכט פון כ"ז ניסן און נאך א פולער טאג האב איך זיך געגרייט צו א נייער טאג. איך האב זיך אנגעגרייט פעולות פאר מארגן אבער איך האב זיך גענויטיגט אין א גוטע מעשה.

זוכנדיג א גוטע מעשה האב איך באגעגנט מיט די באריממטע מעשה וואס ר' דוד קלעצקין שליט"א האט דערציילט איבער די עטקא טויבא און באשלאסן אז איך גיי עס דערציילן פאר די קינדער.

די מעשה האט געהאט מעלות פון אלע זייטן. אויסער וואס עס איז אין יענער טעג געפאלן איר יארצייט האט עס אויך געהאט אין איר א שטארקער מעסעדזש איבער די חשיבות פון איבערבעטן א צווייטן, ווי וויכטיג עס איז און וויאזוי עס קען פארמיידן צרות ביי אנדערע.

איך האב דערציילט די מעשה מיט'ן גאנצן הארץ און אויסגעפירט ווי שיין און ווי פאסיג איז אז מען בעט זיך איבער, און כ'האב געערעדט צו די קינדער איבער די חשיבות דערפון, זאגנדיג צו זיי אז מען דארף נישט ווארטן אז עפעס זאל געשען, מען קען זיך שוין יעצט איבערבעטן.

"אויך איך, זאג יעצט פאר ענק אלע, אז אויב עס איז דא איינער וואס שפירט אז איך האב אים געטשעפעט, זאל ער מיר זאגן און לאמיר זיך איבערבעטן".

די ווערטער האבן געמאכט א שטארקער איינדרוק אויף די קינדער. מען האט זיך אנגעהויבן איבערבעטן און מיטאמאל רופט זיך אן מיין פרוי צו מיר אז זי ווייסט וועמען מען דארף איבערבעטן, און גייט צוריק מיט מיר צו עלף יאר פריער.

"מיר דארפן איבערבעטן פאר שמעון".

וואס איז געווען די מעשה מיט שמעון?

מיט יארן פריער האב איך געוואוינט אין ירושלים עיה"ק. זוכנדיג צו עפענען א גוטער ביזנעס איז מיר איינגעפאלן א געוויסער געדאנק וואס איך קען טון פאר פרנסה. דער סארט ביזנעס האט אויסגעזען זייער גאנגבאר און איך בין געווען איבערגעצייגט אז כ'קען דא זייער שיין מצליח זיין.

איך האב געהאלטן אז עס קען זיין זייער

## געשפּאַרטע טריט

איך וואוין אין חיפה אבער די קהילה וואו איך געהער געפונט זיך אין די שטאט בני ברק. עס איז כמעט א קביעות ביי מיר אז יאר יערליך ווען עס קומט צוגיין דער הייליגער יום טוב שביעי' של פסח לאזן מיר זיך ארויס אינאיינעם מיט די משפחה צו ווילן יום טוב בצל הקודש ביי אונזער רבי'ן.

אויך יענער יאר האט מיר געטון די זעלבע זאך. מיר האבן איינגעפאקט אונזערע געפעק און אינאיינעם מיט די משפחה האבן מיר זיך ארויסגעלאזט פון חיפה קיין בני ברק וואו מיר וועלן ווילן דארט אויף יום טוב.

אנקומענדיג קיין בני ברק און נאכ'ן זיך באגריסן מיט מיינע באקאנטע האב איך געהערט די בשורה אז איינער פון מיינע נאנטע וועט זיין יום טוב אין שפיטאל.

וואס איז געשען? עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער איד האט געליטן פון א שווערע לונגען אנטצינדונג און ווייל דער אנטצינדונג איז געווען זייער שווער האט מען אים געמוזט אריינגעבן די אנטיביאטיק דורכ'ן אדער און אזא זאך קען מען טון נאר אין שפיטאל.

די נייעס האט מיר ערשיטערט. דער איד איז זייער נאנט צו מיר און דא מוז ער אפזיצן אין שפיטאל. איך האב געטראכט צו מיר וויאזוי קען איך זיצן ביי מיר אין שטוב מיט מיין משפחה און מיין חבר איז אין שפיטאל? עס האט מיר נישט געלאזט קיין מנוחה און אויפ'ן ארט האב איך באשלאסן אז יום טוב ביינאכט צווישן די סעודה און די טיש וועל איך כאפן א שפאציר צום ארטיגן שפיטאל און אים גיין באזוכן.

אבער אז מען גייט שוין יא גיין און מהנה זיין א איד און אים געבן דער געפיל אז מען געדענקט אים פארוואס זאל איך גיין אליין? איך האב באשלאסן אז כ'גיי מיטשלעפן אפאר חברה מיט מיר. איך האב זיך פארבינדן מיט עטליכע חברים און אינאיינעם האבן מיר אפגעשמועסט אן ארט וואו מיר גייען זיך טרעפן ביינאכט און פונדארט וועלן מיר צוזאמען גייען צום שפיטאל און דערפרייען אונזער ידיד.

אונטערוועגנס האבן מיר באגעגנט נאך אידן און די אידן הערנדיג וואו מיר גייען זענען זיי מיטגעקומען און עס האט זיך גרופירט א שיינע קבוצה פון אידן.

אנקומענדיג אין שפיטאל האט אונז דער שומר געגעבן צו פארשטיין אז ער לאזט אריין נאר איינער אויפאמאל אבער ביני לביני איז דער שומר אוועקגעגאנגען פאר א מינוט און מיר האבן זיך געגעבן א כאפ אריין אינעווייניג.

אין שפיטאל האבן מיר זיך צוזאמענגעזאמלט אין די שול פון דער שפיטאל און דארטן האבן מיר זיך צוזאמענגענומען און אינאיינעם געפראוועט א דערהויבענער מעמד שירת הים ווען מען זינגט און מען פריידט זיך מיט א התלהבות אין די נאכט ווען מיר זענען אריבער דער ים סוף.

אונזער חבר האט זיך זייער געפריידט. פון טיפן הארצן האט ער זיך באדאנקט און מיט א גוטער און א דערהויבענער געפיל האבן מיר זיך געשיידט פון אים ווען מיר ווינטשן אים צו אז בקרוב זאל ער אהיימקומען.

אויפ'ן וועג אהיים, האבן מיר, ווי עס איז דער שטייגער, איבערגעשמועסט די געשעעניש און א חבר האט זיך געגעבן א רוף אן צו מיר אז א טריט וואס מען מאכט פאר א צווייטן פארשפּאַרט א טריט פאר זיך אליין.

א שטיק צייט שפעטער זענען מיר אנגעקומען צום טיש. איך האב נאר עספיעט אריינצוגיין אין שול ווען מיין שוואגער דערנענטערט זיך צו מיר פונדערווייטענס א דערשראקענער.

"פרעג נישט וואס איז געשען", זאגט ער מיר.

איך האב יא געפרעגט און מיין שוואגער האט מיר דערציילט אז ווען איך בין געווען אין שפיטאל האט מיין יונגעל געווילדעוועט און געכאפט א זעץ אין זיין קאפ, דער זעץ האט געלעכערט זיין קאפ און מען האט אים געדארפט אריינפירן אין שפיטאל.

"און וואו איז ער יעצט?"

"אין שפיטאל"...

איך האב נישט געווארט א רגע. אויפ'ן ארט האב איך זיך געגעבן א דריי אויס און אנגעהויבן שפאנען אין ריכטונג פון שפיטאל. אונטערוועגנס טראכט איך אזוי צו מיר: רבוש"ע, איך קום דאך יעצט פון שפיטאל און דא האט מיר מיין חבר געזאגט אז א טריט פאר יענעם פארשפּאַרט א טריט פאר א צווייטן, אבער דא גיי איך צוריק אין שפיטאל, וואס גייט דא פאר..

איך האב זיך גלייך געשטארקט. א איד טאר נישט טראכטן אזוי. מיר ווייסן אז אלעס איז פון אויבן. אבער ווען איך בין אנגעקומען אין שפיטאל האב איך פארשטאנען וויפיל איך האב זיך פארשפּאַרט.

אנקומענדיג אין שפיטאל האט מען שוין געהאלטן נאכ'ן באהאנדלן מיין קינד און מיין בני בית איז געזעסן דארט און מיר דערציילט וואס עס האט זיך אפגעשפילט אין די לעצטע שעה צייט.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז נאכ'ן כאפן דער קלאפ איז זי געלאפן מיט אים צו א דאקטאר. דער דאקטאר האט געהייסן אז מען זאל שוין אריינלויפן אין שפיטאל אריין. אנקומענדיג אין שפיטאל האט מען אים אריינגעשיקט אין די ערמעדזשענסי צימערן און נאכ'ן אונטערזוכן האבן די דאקטוירים געזאגט אז פאר אזא קלאפ איז נישט גענוג א נארמאלער סערדזשערי נאר מען מוז אריבערגיין אין א צווייטער שפיטאל וואו עס איז דא א בעסערע דאקטאר.

נישט האבנדיג קיין צוויי ברירה'ס זענען מיר אראפגעלאפן אונטן און זיך געגרייט צוגיין זוכן א קאר וואס זאל אונז נעמען צו א צווייטער שפיטאל, אבער א רגע אידער מיר האבן געוואלט גיין צום צווייטן שפיטאל לויפט מיר דער דאקטאר נאך און פרעגט צי איך בין נאך דא.

"יא".

"איז קום שנעל צוריק. עס איז יעצט אנגעקומען אהער א סורידזשענט פון יענער שפיטאל און ער קען באהאנדלן דיין קינד".

דער דאקטאר האט באהאנדלט מיין קינד און יעצט האב איך איינגעזען וויאזוי איך האב זיך געשפּאַרט אומזיסטע טריט. פון הימל האט מען מיר צוגעשיקט א דאקטאר פון יענער שפיטאל,

אז ער זאל באהאנדלען מיין קינד און איך זאל זיך שפארן צו דארפן אהינגיין צו יענער ווייטער שפיטאל.

## פון וואו האסטו געוואוסט מיין נאמען?

אין די ערשטע צייטן ווען דער האטליניע האט אנגעהויבן צו ערשיינען האט מען דא ארויפגעלייגט א מורא׳דיגע מעשה וואס האט פאסירט מיט דער צדיק ר׳ גבריאל גברא זצ״ל.

שטייענדיג אין די שלושים פון זיין פטירה, איז הזמן גרמא ארויפצולייגן דא נאכאמאל די יעניגע מעשה וועלכער איז פארציילט געווארן דורך אים, לעילו נשמתו.

נאר איידער מיר הייבן אן די מעשה לאמיר ענק מיטטיילן ווער דער דערמאנטער רבי גבריאל זצ״ל איז געווען.

פאר לאנגע יארן האט הרב ר׳ גבריאל זצ״ל געדינט אלץ א רב אין ארגעטינא. אין ראם פון זיין רבנות פאסטן האט ער אויך געדינט אלץ מוהל און האט זוכה געווען אריינצוברענגען טויזנטער קינדער בבריתו של אברהם אבינו, אויך אזוינע וועלכער זענען לײדער זייער ווייט פון אידישקייט.

און יעצט אז מיר קענען אים שוין, לאמיר הערן די מעשה איבער אים.

אין א טאג קלינגט דער טעלעפאן פון ר׳ גבריאל און א איד פון שפאניע קלינגט אים אן.

"כבוד הרב", זאגט דער איד.

"עס קומט מיר א מזל טוב, עס איז מיר געבוירן געווארן א יונגל און כ׳וויל אז דער רב זאל קומען און זיין דער מוהל ביי די ברית".

"איך דער מוהל? דו וואוינסט דאך אין שפאניע און איך אין ארגעטינא. די צוויי לענדער זענען זייער ווייט איינער פון די אנדערע. אין אייראפע איז דא אסאך מוהלים. צו וואס דארפסטו מיר האבן"?

אבער דער איד איז געווען פאר׳עקשנ׳ט.

"אויב דער רב קומט נישט, מאך איך נישט קיין ברית...", האט ער קאטאגאריש א זאג געגעבן.

קעגן אזא טענה האט שוין דער רב נישט געהאט וואס צו זאגן, ער האט געפאקט זיינע פעקלעך און זיך ארויסגעלאזט קיין שפאניע צו זיין דער מוהל פון דער ברית.

ביני לביני איז אים נתברר געווען אז זייענדיג אין שפאניע איז דא נאך א ברית וועלכער ער קען מאכן זייענדיג דארט. דער רב האט עס אנגענומען און זיך געגרייט צו די ערשטע ברית מיט א גרויסער התרגשות.

די ערשטע ברית, וועגן וואס ער איז געקומען צופארן איז געפראוועט געווארן מיט אן אויסטערלישער התרגשות, ביי דער ברית איז געווען אנוועזנד אסאך אידן און צווישן אנדערע האט דארט אנטיילגענומען א איד וועלכער איז געווען א בארימטער כיראראג אין לאנד.

דער כיראראג איז געווען זייער בעאיינדרוקט פון דעם רב און נאכ׳ן ענדיגן די אפעראציע האט ער אים אהינגעגעבן זיין פריוואטער ביזנעס-קארטל זאגנדיג אז אויב ער דארף עפעס, קען ער אים קלינגען.

די זייגער האט זיך גערוקט און דער רב האט געדארפט פארן צום צווייטן ברית. נישט וויסענדיג וויאזוי מען קומט אן אהין האט ער באשטעלט א טעקסי האפענדיג אז די טעקסי וועט אים קענען צופירן צו די צווייטע אדרעס.

דער טעקסי דרייווער האט אנגעהויבן זיין רייזע אבער ווי עס שיינט האט ער נישט געהאט קיין אהנונג וואו מען דארף פארן און נאכ׳ן ארומבלאנדזשען פאר דריי פערטל שעה, האט ער ארופגעלאזט דעם רב, אין צענטער פון די שטאט, אן וואס ער זאל האבן די מינדעסטע אנונג, וואו ער געפונט זיך.

דער רב האט ארויסגעטרעטן פון די קאר, ער האט זיך אנגעהויבן אומצוקוקן וואו ער געפונט זיך, עס האט נישט געדויערט קיין מינוט און ער הערט ווי איינער רופט אים.

"גבריאל".

"יא".

דער רב קוקט זיך ארום און ער זעט ווי א יונגער בחור, אין די עלטער פון צוואנציג יאר, שרייט אראפ צו אים.

"איך בין געבליבן אויסגעשפארט אויפ׳ן פארטש. עס צו עפענען דארף מען אריינגיין אין די שטוב און עפענען די טיר פון דער שטוב, אפשר קומסטו מיר עפענען די טיר".

דער רב איז ארויף אין שטוב, ער האט געעפענט די טיר, ער קומט אן אינעווייניג אין שטוב און זעט ווי אין דער דיינונג רום הערשט א שטיקל צומישענעש, פון איין זייט איז דא א מנורה אבער נעבן דעם ליגן קריסטליכע חפצים.

דער רב האט געעפענט דער פארטש און נאכ׳ן קומען צו זיך האט דער רב געוואלט וויסן פון וואו האט ער געוואוסט זיין נאמען.

"איך האב נישט געוואוסט. מיין שכן הייסט אזוי, איך האב אים געוואלט רופן און למעשה ביסטו געקומען צוגיין".

אבער אינדערצייט וואס ביי דער בחור אין די אויגן האט דער גאנצער סצענע אויסגעזען איינפאך, האט דער רב געהאט די הרגשה אז עפעס גייט דא פאר.

ער האט זיך אויך דערמאנט אז נעכטן ביינאכט האט ער געהאט א חלום ווי זיין מאמע קומט צו אים און רופט אים אן גבריאל, גבריאל. דער רב האט זיך אריינגעלאזט אין א שמועס מיט דעם בחור. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער בחור איז א איד.

זיין מאמע איז א איד, זיין טאטע איז א גוי, דער בחור האט געוואוסט אז ער איז א איד און האט שוין מערערע מאל באטראכט די מעגליכקייט צו מאכן א ברית, אבער ער האט מורא פון זיין טאטע.

אין יענער טעג זענען זיינע עלטערן ארויס אויף א וואקאציע און עס איז געווארן מעגליך צו מאכן א ברית.

"וואלסט געוואלט עס מאכן יעצט"?

"יא, אדרבה". האט דער בחור געזאגט.

דער רב האט ארויסגענומען פון טאש דער ביזנעס קארטעל פון דעם אידישן כיראראג. אויפ׳ן ארט האט ער אריינגערופן פרעגנדיג צי ער קען אים שאפן א צימערל צו מאכן אן אפעראציע.

דער דאקטאר האט גלייך געגעבן זיין צושטימונג און נאך יענעם טאג האט מען אים געמאכט א ברית.

אזוי האט זיך געפירט פון הימל פון די השגחה העליונה אז ער זאל בלאנדזשענען און קענען אריינברענגען א איד בבריתו של אברהם אבינו.

גוטגייענד, אבער איך האב נישט געהאט קיין עקספירענעס אין יענער פעלד. זוכנדיג וויאזוי מען קען מצליח זיין איז מיר בייגעפאלן א געדאנק. איך האב זיך געוואנדן צו אידן וואס האבן ערפארונג אין דער ליניע און זיי געבעטן אז זיי זאלן אויפשטעלן פאר מיר די ביזנעס. די אידן האבן מסכים געווען און אין אויסטויש פון א גרויסער סומע געלט האבן זיי זיך גענומען צו די ארבעט און מיר אריינגעשטעלט אין ביזנעס.

די צוויי אידן האבן אבער נישט געארבעט אליין, זיי האבן עס באגלייט, די ארבעט אויפ׳ן פלאץ איז געטון געווארן דורך א איד מיט׳ן נאמען שמעון.

דער שמעון האט געארבעט בשליחות פון די אידן און ער האט מיר געהאלפן ביז איך בין געשטאנען אויף די פיס.

ווען איך בין שוין געשטאנען אויף די אייגענע פיס און געווען אויסגעקאכט אין די ארבעט האב איך געזאגט פאר די צוויי אידן אז פון מיין זייט האט זיך דער זאך געענדיגט. מיר האבן זיך געשיידט אבער דא איז געבוירן געווארן א נושא וואס האט געהייסן ׳שמעון׳.

אין לויף פון די תקופה ווען איך האב זיך געבויט די ביזנעס בין איך געווען זיכער אז שמעון ארבעט פאר זיי. אין אויסטויש פון די געלט וואס איך האב זיי געצאלט האבן זיי געשיקט שמעון צו ארבעטן, אבער דער אמת איז געווען אנדערש, שמעון האט געמיינט אז ער ארבעט פאר מיר און ווען די ארבעט האט זיך געענדיגט, איז ער געקומען צו מיר און מיר געפאדערט א באצאלונג.

איך בין געווארן שאקירט צו הערן אז איך דארף אים צאלן און ער איז געווארן שאקירט אז איך ווייס נישט פון אזא זאך. עס האט זיך אנגעהויבן א דין ודברים און יעדער האט גע׳טענה׳ט אהין און אהער ווען מען איז זיך ענדע נישט אויסגעקומען.

מען האט געפרעגט א שאלה און דער רב האט גע׳פסק׳נט אז איך בין פטור צו באצאלן און שמעון איז געווען זייער צוקלאפט דערפון.

ביים ענדע, האט זיך שמעון געגעבן א רוף אן צו מיר, אז הלכה׳דיג דארף איך טאקע נישט צאלן אבער אזוי פירט מען זיך נישט אויף און כ׳וועל נאך זען, איך וועל נישט זען א ברכה אין מיין ביזנעס.

און לײדער איז אלעס מקוים געווארן! מיר האבן נישט געזען קיין ברכה אין די ביזנעס, אלעס איז געגאנגען מטה מטה, די זאכן זענען אנגעקומען עד כדי כך, אז איך האב געדארפט אנטלויפן פון ארץ ישראל און זיך צוריקבויען אויפסניי אין מאנשעסטער.

און יעצט, רעדנדיג, פון זיך איבערבעטן האבן מיר זיך דערמאנט פון אים.

"מיר מוזן איבערבעטן שמעון".

"אבער וואו טרעפן מיר אים"?

מען האט אנגעהויבן א געיעג נאך דער שמעון ביז מיר האבן אים דערוישט. אין אנהייב האט ער נישט געוואוסט ווער מיר זענען אבער ענדע האט ער זיך דערמאנט.

"ביסט מיר נאך שולדיג"... האט ער געגעבן א זאג. מיר האבן זיך איבערגעבעטן און מיר זענען זיך אויסגעקומען, ער האט מיר מוחל געווען און מיר האבן זיך געשיידט אויף א גוטער וועג.

איך בין אוועקגעגאנגען פון דארט מיט א גוטער געפיל און געטראכט צו מיר אז איך מוז איבערבעטן יעדן איינעם, איך האב זיך געמאכט א שטיקל רשימה פון מלמדים און איבערגעבעטן אלעם.

מיין מעשה האט נישט קיין אויספיר פון א ישועה, אבער כ׳בין איבערגעצייגט אז דער עצם זיך איבערבעטן איז די ישועה פאר זיך אליין.

# צוהערער פרעגן

## שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

עס איז דא מענטשן וואס דרייען זיך ארום אין זייער לעבן מיט א שוועריגקייט וועלכער באגלייט זיי א גאנץ לעבן פון ווען זיי געדענקען זיך. צומאל איז עס א כראנישער קרענק וואס באגלייט זיי אייביג. ביי אנדערע איז עס מיט פרנסה אז ער זעט נישט קיין ברכה אין פרנסה און וואס ער טוט בלייבט ער אייביג פרנסה'לאז. ביי אנדערע איז עס צער גידול בנים אז ער האט נישט מצליח געווען מיט די חינוך ביי זיינע קינדער, און די שאלה איז: וואס דארף זיין דער צוגאנג פון אזא איד. צי זאל דער איד זוכן משלים צו זיין מיט'ן מצב אדער זאל ער שטענדיג צילן און אויסקוקן אז איין טאג וועלן די שוועריגקייטן אוועקגיין און עס וועט ווערן א שינוי לטובה, און מתפלל זיין דערויף?

שאלה נומער 40

א.פ. ממודיעין עילית

**אויפמערקזאמקייט: די אלע דערמאנטע תשובות וואס ווערן דא אראפגעברענגט זענען נישט קיין תשובות אויף הלכה למעשה. עס איז נאר א שמועס צווישן חברים דורך די חשובע לייענער. אויף די הלכה למעשה פון יעדער איינער זאל זיך יעדער מקיים דער 'עשה לך רב' און אנפרעגן ביי זיין פוסק אין די ענינים.**

### רצה באשר ירצה יוצרך

**הרב דוד ישראל פון בית שמש, הרב יוסף דושינסקי פון חיפה, הרב חיים מאיר דאסקאל פון אלעד, הרב דוד ישי וועקנין פון ירושלים:** צו קענען ענטפערן דיין שאלה פעלט זיך ערשט אויסצוקלארן וואס עס מיינט ביי דיר 'משלים צו זיין מיט'ן מצב'. אין דיינע ווערטער זעט אויס אז דער משלים זיין און אננעמען דער מצב אזוי ווי עס איז, גייט צו מיט א ביטערניש. דער מענטש זעט זיך אלץ נעבעך פון די ערשטע קלאס. ער פארלירט יעדער ברעקל האפענונג און הייבט אויף זיינע הענט צום הימל פארלוירן זאגנדיג, דאס איז מיין גורל! וואס קען איך דען טון? אבער א איד, וואס לעבט מיט אמונה און בטחון איז מקבל אויף זיך דער מצב מיט ליבשאפט, ער נעמט עס מיט ליבשאפט און אין איינוועגס איז ער אויך מתפלל און האפט אז דער מצב זאל זיך טוישן ווייל תפילה תשובה און צדקה זענען מעביר די רוע הגזירה. **עס לייגט צו צום געדאנק הרב יהודה געווירצמאן פון בית שמש** אז ווען א איד איז נישט מקבל דער דין באהבה זענען די שערי התפילה פאר אים פארשלאסן.

**הרב יהושע לעווי פון ירושלים, הרב ברוך כהן פון בני ברק:** דער רבינו בחיי אין פרשת מקץ ברענגט אראפ בשם דער חובת הלבבות אז די גרעסטע דרגה אין אמונה און אין בטחון ביי א איד איז אז דער איד זאל זיך פארלאזן אין השי"ת און ווען מיט'ן גאנצן הארץ וואס השי"ת וויל פאר אים. דהיינו אויב א איד איז קראנק, אדער ארעם, אדער גאר פארקערט אז ער איז רייך און געזונט, זאל ער גלייבן און זיין צופרידן ווייל אויב האט השי"ת אזוי געמאכט איז עס זיכער גוט. אבער דאס איז נאר אויב דער איד גלייבט אזוי, אבער אויב איז ער נאכנישט אין די דרגה מוז ער מתפלל זיין פאר א ישועה.

### וקווי ה' יחליפו כוח

**הרב דוד לייפער פון ירושלים:** אין דיינע ווערטער דערקענט זיך א שטיקל יאוש. א איד טאר זיך קיינמאל נישט מייאש זיין. דער תפקיד פון א איד איז זיך צו שטארקן און ארויסקוקן אויף רחמי השם ווייל די ישועה קען קומען כהרף עין אפילו ווען עס איז כאילו חרב חדה מונחת על צווארו. דער עצם האפן פאר א ישועה איז ממשיך די ישועה. **עס לייגט צו הרב חיים משה קליין פון חיפה פון ספר 'אוצרות הרמח"ל** [דרוש בענין הקיווי] א הייליגער טייטש אויף דער פסוק "קוה קויתי השם ויט אלי וישמע שוועתי" אז השי"ת גייט כביכול אראפ און הערט אויס די תפילה פון א איד ווען ער האפט צו אים און דאס איז פשט אז ווייל קוה קויתי השם - אז דו האסט געהאפט איז מקויים געווארן ביי דיר דער ויט אלי וישמע שועתי אז השי"ת איז געקומען הערן דיין תפילה, ווייל השי"ת וויל אז א איד זאל האפן צו אים, און א ראיה צו דעם ברענגען אראפ **הרב יצחק עזריאל פון חדרה און הרב דוד בוקר פון צפת** פון די גמרא אין מסכת שבת (לא.) "אמר רבא בשעה שמכניסין אדם לדין אומרים לו; צפית לישועה?" ווייל פון א איד וויל מען דער 'ציפיה'.

**הרב צבי כהן פון בית שמש, הרב עקיבא שטראוס פון בני ברק, הרב שמעון ראטמאן פון בית שמש:** היד השם תקצר? צי קען השי"ת נישט היילן אלע סארטן מחלות אויך ווען זיי זענען שוין דא יארן לאנג? היינט זעט מען בחוש ווי עס קומען אפיר נייע סארט היילונגען אין די וועלט און ווי חז"ל זאגן שוין [תענית כה.] אויף רבי חנינא בן דוסא אז ער פלעגט זאגן אז דער זעלבער באשעפער וואס זאגט אז אויל זאל ברענען קען אויך מאכן אז עסיג זאל ברענען. דער רבוש"ע קען אלעס און ער קען אויך אויסהיילן דיין מחלה.

**הרב גמליאל הכהן רבינוביץ פון בני ברק:** אין דער ספר הנפלא טיב התפילה האט דער מחבר אן אריכות איבער די נושא. דארטן שרייבט ער אז ווען א איד האט ביי זיך א שוועריגקייט זאל ער וויסן אז די שוועריגקייט האט ער נאר אז ער זאל נאנט ווערן מיט השי"ת און וועגן דעם זאל זיך א איד דערוועקן מיט תשובה און מעשים טובים און אויב עס גייט נישט אוועק אויך נאכדעם וואס ער טוט תשובה און ער איז זיך מתחזק, איז א סימן אז ער דארף זיך מער דערנענטערן צו השי"ת, אז ער איז נאכנישט אנגעקומען צו די נאנטקייט וואס מען וויל פון אים אין הימל און ער זאל זיך מער מחזק זיין אבער אין קיין שום פאל זאל א איד נישט משלים זיין מיט די מציאות ווייל דאס איז נישט די מציאות, דער אמת איז אז די צרה קומט צו אים ווייל מ'וויל אים נאכמער דערוועקן און מען זעט ישועות אין דער מהלך.

### שאלה פאר גליון 90

די לעצטערע תקופה איז א שווערע תקופה אין די וועלט. כלל ישראל האט נארוואס פארלוירן א צדיק יסוד עולם און אויך איז דא די מלחמה אין אוקראיינע און בנוסף זעט מען בחוש ווי אונזערע פיינט הייבן זיך דעם קאפ. וויאזוי קען זיך א איד מחזק זיין אין אזא צייט?

פ.א. נוף הגליל

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 < 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת בהר. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט

## אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' יהודה מאנדעל שליט"א פון לעיקוואד

## ווער איז מכובד? דער וואס איז מכבד אנדערע!

אין די ספירה טעג האט מען אין נאוואהארדאק געארבעט אויף די מידות.

חז"ל זאגן אונז אז דער הייליגער תנא רבי עקיבא האט אין די טעג פארלוירן 24 טויזנט תלמידים ווייל זיי האבן זיך נישט נוהג כבוד געווען זה בזה, און מיר קלאגן דערויף און זוכן וועגן וויאזוי מען קען עס מתקן זיין.

אין די ישיבה פון נאוואהארדאק האט מען אין די טעג געלערנט ספרי מוסר וועלכער זענען עוסק אין די נושא, מען האט עוסק געווען אין וויאזוי מען קען זיך פארבעסערן אין די מידות און יא נוהג כבוד זיין זה בזה.

דער שפיץ פון די ישיבה איז געווען דער אלטער פון סאלאבאדקע, דער גרויסער צדיק רבי נתן צבי פינקל זצ"ל. ביי אים האט מען געזען געוואלדיגע מדריגות אין נוהג כבוד זיין אין א צווייטן איד, זיין מדריגה סיי אין אהבת ישראל, סיי אין זיך פירן בכבוד מיט א צווייטן איד איז געווען זייער הויעך און גרויס, ער האט געהאט מסירות נפש פאר דעם.

עס האט זיך אמאל געמאכט אז א תלמיד פון ישיבה איז ארויס פון די ישיבה צו א חתונה. א לאנגער צייט האט דער בחור געוויילט ביי די חתונה און זיך מיטגעפרייט מיט דער חתן און די משפחה. א גאנצער צייט איז דער אלטער פון סאלאבדאקע געזעסן און געווארט אויפ'ן בחור, ער זאל זיך אומקערן, אלעס ווייל ער האט געוואלט געבן א גוטער געפיל פאר'ן בחור, אז ער ווארט אים אפ.

דער ראש הישיבה פון באלטימאר הגה"צ רבי יעקב יצחק רודערמאן זצ"ל ראש הישיבה פון נר ישראל פלעגט דערציילן אז אין זיינע יונגע יארן, ווען ער האט געלערנט אין די נאוואהארדאקער ישיבה, האט זיך געמאכט אז ער האט געליטן אויף שטארקע מאגן ווייטאג. די מאגן שוועריגקייטן האבן צוגעברענגט אז ער זאל דארפן אסאך ארויסלויפן אין בית הכסא. די אמאליגע בית הכסא'ס זענען געווען אינדרויסן פון דער בנין און זייענדיג א יונגער בחור האט דער יונגער רבי יעקב יצחק מורא געהאט א פחד ארויסצוגיין יעדער מאל פון די בנין.

פלעגט דער אלטער פון נאוואהארדאק זיך שטעלן ביים פענסטער און אויסשרייען הויעך.

"יעקב יצחק, יעקב יצחק, האב נישט קיין מורא, שרעק זיך נישט איבער".

די שטארקייט און די פעסטקייט מיט וואס דער אלטער פון נאוואהארדאק האט אים געמוטיגט, ער האט געשעפט דערפון כח און קוראזש צו קענען אויספירן וואס ער האט געדארפט און אויך דא, האט אים דער צדיק אינזינען געהאט.

די גדלות, די מסירות נפש, איז געווען מורא'דיג, א מדריגה אין אוהב את הבריות ומכבד את הבריות.

אמאל איז דער אלטער געגאנגען צום דאקטאר. ווארטנדיג אין ווארטזאל האט דער אלטער ארויסגעהערט פון דעם דאקטאר'ס צימער ווי א איד שרייט און וויינט פון יסורים. דער אלטער, אן וואס ער זאל וויסן ווער איז אינעווייניג, האט זיך גלייך אויפגעשטעלט און אנגעהויבן דאווענען און בעטן פאר'ן חולה, עס זאל אים בעסער ווערן.

דאס איז געווען דער אלטער, זיין אהבת ישראל איז געווען גרעניצלאז, הלוואי זאלן מיר האבן אביסל פון דעם.

אמאל האט דער אלטער פון סאלאבאדאקע זצ"ל געגעבן א שארפער פסק פאר דער גאון רבי יצחק הוטנער זצ"ל. דער גאון איז געווען בארימט מיט זיין עבודת המידות, אבער ער האט געהאלטן אז עס קומט אים נישט אזא שארפער פסק און ער האט אפגעמאכט ביי זיך אז ער גייט אוועקגיין פון די ישיבה.

אויפ'ן וועג ארויס, איז ער אריבער פון דער הויז וואו דער אלטער האט געוואוינט, די רעביצין זעענדיג ווי ער גייט אריבער, האט זי אים א זאג געגעבן:

"יצחק'ל, צי ווייסטו וויפיל דער ראש הישיבה דאווענט פאר דיר, יעדן טאג פארגיסט ער טייכן טרערן פאר דיר אז דו זאלסט מצליח זיין אין תורה....".

ווען ער האט דאס געהערט, האט ער שוין נישט געהאט קיין טענה אויפ'ן ראש הישיבה, און זיך צוריקגעקערט צו די ישיבה.

דער אלטער פלעגט אייביג זאגן אז צו אהבת ישראל קומט מען נאר אן דורך תפילה און די תפילה נעמט השי"ת אייביג אן.

דער אלטער האט זוכה געווען, ער האט אויפגעשטעלט הייליגע תלמידים וואס האבן באלאכטן די וועלט, די דערמאנטע גאונים הרב רודערמאן זצ"ל, הרב הוטנער זצ"ל און הגאון ר' אהרן קאטלער זצ"ל, הגאון ר' יעקב קאמעניצקי זצ"ל, ר' יחזקאל סארנא זצ"ל.

זאלן די ווערטער דא זיין לעילוי נשמת מיין טאטע הרה"ג ר' נחמן ב"ר זאב קהת משה ז"ל וועלכער איז אויך געווען אן איש פלא און אן אוהב את הבריות ומקרבן לתורה.

**די שיעורים פון הרה"צ ר' יהודה מנדל שליט"א ווער ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך אויף אידיש, העבערעאיש און ענגליש, אין נומער 2 < 2** [נאכן אויסוועלן די שפראך]

# א פרטיות'דיגע השפעה

### מצד די נעמער

עס רעדט דא א איד פון לאנדאן. איך וויל דא אויסדרוקן מיין דאנק פאר דער חשובער האטליניע און פאר די אינהאלט, סיי די שיינע מעשיות, די הערליכע שיעורים. די ארבעט איז געוואלדיג און ברענגט אריין אסאך חיזוק פאר מיר פריוואט און פאר אלע אידן בכללות. ספעציעל האט זיך דער זאך אנגעזען אין די צייט ווען די האטליניע האט געליטן פון טעכנישע שוועריגקייטן און מען האט עס נישט געקענט נוצן געהעריג. עס איז מיר געווען זייער שווער אן דעם. אמאל אז מען האט נישט עפעס זעט מען איין אויף צוריקציוועגס ווי שטארק עס פעלט אויס.

### מצד די געבער

דער פארלאפענער ערב ראש חודש ניסן האט א מיידל אריינגעקלינגען צו די אפיסעס פון די השגחה פרטית ליניע מיט א בקשה אז זי וויל אויסצאלן די קאסטן פון פארשפרייטן דער גליון אין צען שולן.

זי האט דערציילט אז אינמיטן ווינטער האט זי צוגעזאגט אז אויב זי וועט ווערן א כלה ביז ראש חודש ניסן וועט זי מנדב זיין א סומע געלט פאר די הוצאות פון דער גליון און יעצט אז זי איז בשעה טובה געווארן א כלה, קלינגט זי גלייך אריין צו מקיים זיין איר הבטחה.


**נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק**

**צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים**

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742**

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
| --- | --- | --- |
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | 'שער הבטחון' |


**ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט**

**קלינגט אריין אין אפיס**

**02-5866-075**

מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00

אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל,

שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM

דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש

דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער אויסהערן קריאת התורה